בס"ד

שלח תשפ"ו

גליון 285

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער ריינער קוואל

**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)**

## אַ מִינוּט אַ גַלָח אַ מִינוּט אַ מַלְאַךְ

דִי וָואךְ אִיז דִי תּוֹרָה מַאֲרִיךְ וֶועגְן דִי מְרַגְּלִים אוּן זַייעֶר עֹנֶשׁ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס הֵייבְּט מֶען אָן לְכוּ נְרַנְּנָה דֶער עֶרְשְׁטֶער קַאפִּיטְל פוּן קַבָּלַת שַׁבָּת אוּן דֶער חַזָן צוּזִינְגְט זִיךְ: "אַרְבָּעִים שָׁנָה אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב הֵם... אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי אִם יְבֹאוּן אֶל מְנוּחָתִי (תהלים צה, יא)" דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁוואוֹירְן אַז דֶער גַאנְצֶער דוֹר הַמִּדְבָּר וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועגְן דִי זִינְד פוּן



דִי מְרַגְּלִים, נָאר כָּלֵב אוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין.

וָואס אִיז אַזוֹי הַארְבּ דֶער עֹנֶשׁ פוּן דִי מְרַגְּלִים, אַז דִי מְרַגְּלִים זָאלְן זִיךְ דְרַייעֶן פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר אוּן דָארְט שְׁטַארְבְּן, אוּן זַיי אַלֵיין הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַזַא שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף?



לָאמִיר זֶען וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין נְדָרִים ד' וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען וִויאַזוֹי מִיר זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין מְרַגְּלִים אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען פוּן זַיי. עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ז' חֵלֶק שֵׁנִי, וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַז דֶער עִיקָר זַאךְ פוּן אַ צַדִיק אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז עֶר זָאל זַיין סַיי פוּן דִי דָרֵי מַטָּה אוּן פוּן דִי דָרֵי מַעְלָה. דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן דָרֵי מַעְלָה – מַלְאָכִים וָואס וואוֹינֶען לְמַעְלָה אוּן דָרֵי מַטָּה דָאס אִיז מִיר מֶענְטְשֶׁעלֶעך - פוּן פְלֵייש אוּן בֵּיין מִיט שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים - וָואס וואוֹינֶען דָא אוּנְטְן.

בֶּעפָאר דֶער בַאשֶׁעפֶער הָאט בַאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן דִי מַלְאָכִים מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ וּבֶן אָדָם כִּי תִפְקְדֶנּוּ (תהלים ח, ה)?" פַארְוָואס זָאל מֶען בַאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אִין אַ גְלַייכֶע לִינְיֶע, עֶר פַאלְט אַרָאפּ, אַרוֹיף, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מְסוּדָר'דִיגֶער בְּרִיָּה, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת. דִי מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְן אַז דֶער בַאשֶׁעפֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן אַזַא סָארְט בַאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אִיז עֶר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אֵיין מִינוּט אִיז עֶר אַ גַלָח אוּן אַ מִינוּט אַ מַלְאַךְ!



דֶער דָאזִיגֶער קִטְרוּג פוּן דִי מַלְאָכִים הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְן אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל עֶפֶּעס אַ וֶוערְד, וִוי מֶען זֶעט אִין דִי פַּרְשָׁה וִוי דִי מְרַגְּלִים זָאגְן: "וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים בְּנֵי עֲנָק מִן הַנְּפִלִים וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם (בַּמִּדְבָּר יג, לג)" דִי נְפִילִים זֶענֶען דִי מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן בַּיים וֶועלְט-בַּאשַׁאפוּנְג אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט זַייעֶר נִידְרִיגֶע עֲבֵרוֹת, אוּן פוּן דִי דָאזִיגֶע אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע מַלְאָכִים אִיז גֶעוָוארְן דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן זֵיי, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן וִוי

מוּרִישְׁקֶעס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעהַאלְטְן וִוי הֵיישֶׁערִיקְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע רִיזְן.

דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע נַחַת פוּן יֶעדְן תְּנוּעָה פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד דָאס הָאבְּן זֵיי פַארְלוֹירְן, אַנְשְׁטָאט דֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי גְרוֹיסֶע אוֹיגְן פוּן דִי רִיזְן אוּן זִיךְ צוּנִישְׁט גֶעמַאכְט אִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן. אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט מֶען דִי פֶּעסְטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת אוּן שַׁעֲשׁוּעִים פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, פוּן יֶעדְן אִינְגֶל, פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע חוּט הַשַּׂעֲרָה וָואס עֶר רִירְט זִיךְ צוּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי שְׁטְרָאף אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין נָאר וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן אִיז אַ רִיכְטִיגֶער עָנָיו - וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן קְלֵיין, וַוייל דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן גְרוֹיס, זֵייעֶר פְּגַם אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גַּאֲוָה.

אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט בְּכֹחַ זַיין גְרוֹיסֶער רֶבִּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי אוֹיךְ כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ קִבְרֵי אָבוֹת אוּן דָארְט אַיינְגֶעגְרִיסְן נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, וָואס לַיידֶער פַאלְן אַסאךְ מֶענְטְשְׁן אַרַיין אִין דֶעם פְּגַם אוּן גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת-רוּחַ פוּן זֵיי.

זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים אוּן דֶער כֹּחַ הַצַּדִּיק זָאל בְּקָרוֹב נִתְגַּלֶּה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָמֵן וְאָמֵן.

# איין מעשה'לע



מְנִיעוֹת מְנִיעוֹת, וואוּ אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נָאר אַ רִיר
בַּיי דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעוֹת קוּמֶען זֵיי אַפִּיר
וִויפִּיל זָאלְסְטוּ קְלָאר, וָואס אִיז אֱמֶת אוּן וָואר
אַז סְ'אִיז אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ
עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַ בִּנְיָן, סְ'אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ דִּמְיוֹן
דִי מְנִיעוֹת וֶוערְן צוּנִישׁ

דֶעם נִיגוּן הָאט זִיךְ נָתִי כְּסֵדֶר אוּנְטֶערְגֶעזוּנְגֶען דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן, גְרֵייטְנְדִיג זִיךְ צוּם זַיין לַאנְג-עֶרְוַוארְטֶענֶע נְסִיעָה וֶוען עֶר גֵייט פָּארְן מִיט זַיין טַאטֶע מַאמֶע צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אִין דֶעם טָאג וָואס נָתִי הָאט גֶעזָאלְט פָּארְן קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר לוֹיפְנְדִיג אִין חָצֵר פוּן חֵדֶר זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ נִישְׁט רִיכְטִיגְן בֵּייג, דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים אִין זַיין פִּיס, אָבֶּער נָתִי אִיז זֵייעֶר אַ שֶׁעמֶעוְודִיגֶער, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְצֵיילְט פַאר קֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מְלַמְּדִים אָדֶער מַשְׁגִּיחַ.

עֶר הָאט פַארְבִּיסְן זַיינֶע לִיפְּן פוּן דִי יִסּוּרִים, קוּים אַדוּרְכְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִים אוּן שָׁעוֹת, וֶוען אִין חֵדֶר הָאט זַיין רֶבִּי גֶעמַאכְט אַ גַאנְצְן מַצָּב, 'אַ קְלֵיינִיגְקַייט?' נָתִי פָּארְט פַאר דִי זִיבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַלֶע חֲבֵרִים שְׁרַייבְּן קְוִויטְלֶעךְ מִיט אַלֶע סָארְטְן בַּקָּשׁוֹת וָואס נָתִי זָאל דֶערְמַאנֶען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן נָתִי פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁמֵייכְלֶען!

עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְלָלוֹת אוּן יִסּוּרִים, זַיין גְרֶעסְטֶע פַּחַד אִיז נִישְׁט פוּנֶעם דָאקְטֶער, נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט הַיינְט נִישְׁט קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן!

נָאר דָאס הָאט אִים אוֹיסְגֶעפֶּעלְט. אָבֶּער נָתִי וֵוייסְט זֵייעֶר

גוּט אַז אַלעס אִיז נָאר מְנִיעוֹת צוּ פַארְמֶערְן דֶעם חֵשֶק צוּם פָארְן צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק.. נָתִי הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָה, זַיין טַאטֶע בַּאגְלֵייט אִים טָאג טֶעגְלִיך צוּ זַיין בָּאס אוּן וַוארְטְנְדִיג מִיט גֶעדוּלְד פַארְצֵיילְט אִים זַיין טַאטֶע הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָא, אוּן זַיין הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ. אִין דִי קֶעמֶערְלֶעךְ פוּן נָתִי'ס מֹחַ לִיגְט אַיינְגֶעבַּאקְן אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין בַּאשֶעפֶער אוּן יֶעצְט אִיז עֶס אַרוֹיסְגֶעשְׁווּימֶען..

נָתִי שְׁטַארְק זִיךְ, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן זַיין טַאטֶע נֶעמְט אִים אַפִּיר אוּן זֶעט אַז זַיין פִיס אִיז גֶעשְׁוָואלְן! אַזוֹי צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל. מֶען גֵייט אַרִיבֶּער צוּם לָאקַאלְן דָאקְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער בַּאשְׁטִימְט אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁפַּאלְט אוֹיף דִי בֵּיין מֶען מוּז לֵייגְן אַ גִיפְּס.

נָתִי טַאנְץ אוֹיף אֵיין פִיס אַרוֹיס פוּן דָאקְטֶערְ'ס צִימֶער, עֶר ווִיל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט קַיין שְׁטֶעקֶענֶעס אָדֶער אַ וֶועגְל מִיט רֶעדֶער. זֵיי גֵייעֶן אַהֵיים גֶעשְׁווִינְד, אִין עֶטְלִיכֶע שָׁעָה ווַארְט זֵיי אָפּ אַ טֶעקְסִי צוּם עֶירְפָּארְט.

ווִיאַזוֹי גֵייט מֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, שְׁטֶעגְן אוּן וֶועגְן, לַאנְגֶע קָארִידָארְן, טְרֶעפּ, גְרֶענִיצְן? נָתִי אִיז נָאר מַסְכִּים צוּ זִיצְן אִין אַ קִינְדֶער וֶועגֶעלֶע, עֶר וֶועט פָארְן ווִי אַ נַייעֶ גֶעבּוֹירְן קִינְד אוּן זִיכֶער וֶועט עֶר צוּרִיקְקוּמֶען נָאךְ מֶער נַיי. אִינְגַאנְצְן נַיי!!

עֶנְדְלִיךְ קוּמֶען זֵיי צוּם עֶירְפָּארְט טִישְׁל וואוּ מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי רֶענְצְלֶעךְ.. נָתִי'ס טַאטֶע ווִיל פַארְגְרִינְגֶערְן אַז נָתִי זָאל נִישְׁט דַארְפְן אוֹיסְוַוארְטְן דִי לַאנְגֶע עֶירְפָּארְט רַייעֶס, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּם אַרְבֶּעטֶער ווֶעלְכֶער נֶעמְט דִי פַּאסְפָּארְטְן. "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר שִׁיקְן אֵיינֶעם זָאל נֶעמֶען מַיין נָתִי מִיט אַ וֶועגְל, עֶר הָאט גִיפְּס אוֹיף זַיינֶע פִיס וָואס מֶען הָאט הַיינְט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ גֵיין לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶעס".

"וָואס דַיין קִינְד הָאט אַ גִיפְּס אוֹיף זַיינֶע פִיס, עֶר פָּארְט נִישְׁט אוֹיפְן פְלִיגֶער הַיינְט, פַארְגֶעס!" זָאגְט עֶר מִיט אַ זִיכֶערְן טָאן. אוּן עֶר לֵייגְט צוּ זִידִיגֶע וֶוערְטֶער, "אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דֶער בְּרֵייט עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן פְלִיגֶער".

"וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם?" פְרֶעגְט נָתִי'ס טַאטֶע.

"דָאס אִיז אַ גֶעזֶעץ פוּן אוּנְזֶער עֶירְפָּארְט, אַז פְרִישֶע גִיפְּס קֶען אוֹיפְפְלַאצְן אִין עֶרָאפְּלַאן עֶס אִיז אַן עֶרְנְסְטֶע סַכָּנָה, סַיידְן אַז דֶער שְׁפִּיטָאל נֶעמְט אַחֲרָיוּת".

אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן פַאר דֶער פְלִיגֶער הֵייבְּט זִיךְ פְּרוּבִּירְט נָתִי'ס טַאטֶע זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן דָאקְטֶער, בֶּעטְן אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ, אָבֶּער זֵייעֶר קָאמְפְּיוּטֶער אִיז פַארְהַאקְט זֵיי קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי פַּאפִּירְן פוּן נָתִי!

...דִי מִינוּטְן לוֹיפְן טַאטֶע מַאמֶע מִיט נָתִי שְׁטֵייעֶן פַארְצְוֵוייפֶלְט אָבֶּער נָתִי חַזֶר'ט זִיךְ ווִידֶער אֵיין מְנִיעוֹת מְנִיעוֹת... ס'אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַ דִמְיוֹן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע שִׁישְׁקֶעס.



אִינְדֶערְזַייט שְׁטֵייט דֶער אוֹיפְזֶעעֶר פוּן דִי פְלִי קָאמְפַּאנִי אוּן הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן, אַז מֶען שְׁטֶערְט דֶעם סֵדֶר אִין עֶירְפָּארְט, "דְרֵייט אַייךְ צוּרִיק אוּן גֵייט אַהֵיים", גִיבְּט עֶר אַרוֹיס אַ בַּאפֶעל.

נָתִי'ס טַאטֶע גֵייט צוּ צוּ אִים מִיט אַ וַוארִימֶען קְלַאפּ אִין רוּקְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַז עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע גִיפְּס וָואס לִיגְט סַךְ הַכֹּל נָאר אוֹיף דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי פִיס אַזוֹי אַז עֶס אִיז אוּמֶעגְלִיךְ עֶס זָאל גוֹרֵם זַיין סַכָּנוֹת.

"וָואס דוּ פָּארְסְט קַיין אוּמַאן?" פְרֶעגְט דֶער אוֹיפְזֶעעֶר, עֶר מוּרְמְלְט אַרַיין אִין אוֹיעֶר פוּן נָתִי'ס טַאטֶע, "אִיךְ הֵייס אַלֶעקְס בֶּן רֵעָה דֶערְמַאן מִיר בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן" אִיךְ נֶעם אַחֲרָיוּת רוּפְט עֶר אוֹיס מִיט זִיכֶערְקֵייט אוּן לֵייגְט נָאךְ צוּ אַז מֶען קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן דִי הַאנְט בַּאגַאדְזְשׁ פַאר אוּמְבַּאצָאלְט, אָבֶּער גֶעדֶענְק אַלֶעקְס בֶּן רֵעָה"

ענדע פון די מעשה קומענדיגע וואך בעז"ה




אין קורצן פון פריער:

יאר תקס"ג, די ערשטע יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות האט זיך געשלאסן. אצינד גייען מיר אריבער צום צווייטן יאר.

ליינט ווייטער:

ווינטער תקס"ד איז געווען א שווערע יאר פאר די אידן אונטער די רוסישע הערשאפט. די ביטערע גזירות, וואס מען האט שוין געדעט דערפון א לאנגע צייט פריער און געהאפט אז עס וועט אין ענדע בטל ווערן, איז ליידער אריין אין קראפט.

אין אנהייב האט עס בעיקר עפעקטירט די פרנסות. די געזעץ האט געלויטעט אז ביז צום יאר תקס"ד, דארפן אלע אידן זיך אוועקציען פון די דערפער. דאס האט געברענגט א גרויסע חורבן. די אידן זענען שוין געווען איינקווארטירט אין זייערע ערטער ביי די קרעטשעמס און פעלדער פאר לאנגע יארן און זיך שוין אויסגעקענט מיט אלעס און אלעמען. פיל משפחות זענען שון געווען אלט געזענע פאר דורות לאנג ביי זייערע פרנסות. די ארענדאר איז אריבער א ירושה א דור נאך א דור. אצינד האט מען אלעס געמוזט איבערלאזן אויף הפקר און זיך ארויסוואנדערן צו זוכן א נייע מקום מנוחה. מען האט געקענט מיטנעמען די פארמעגן, אבער וויפיל האב־און־גוטס, קען מען זיך דען מיטשלעפן אויף א פערד און וואגן? פיל האבן געמוזט מוותר זיין אויף זייער אייגנטום און אנהייבן צו בויען א לעבן פונדאסניי.

עטליכע פארלוסטן ה"י

דאנערשטאג פרשת תולדות, ב' כסלו, האט רבי נתן ליידער פארלוירן זיין חשוב'ע מאמע, הרבנית הצדיקת חי' לאנע ע"ה. די מאמע איז געווען יונג, קוים אכט־און־דרייסיג יאר. רבי נתן האט זיך געזעצט שבעה, קלאגנדיג אויף די אבידה.

נישט לאנג דערנאך, אום חנוכה, מיטוואך פרשת מקץ כ"ט כסלו, איז נסתלק געווארן הרה"ק רבי גדלי' זצ"ל פון ליניץ, בעל מחבר ספר תשואת חן. שבת חנוכה האט דער רבי געזאגט תורה און דערמאנט די הלכה אז מען טאר נישט מספיד זיין אום חנוכה. אויך האט דער רבי דאן געזאגט אז עס איז שווער צו זאגן תורה בשעת א צדיק ווערט

נפטר, ווייל ווען א צדיק גייט פון דער וועלט, ווערט מיט אים מיטגענומען זיין חלק תורה וואס געהער צו אים. אצינד, אז רבי גדלי' איז נפטר געווארן, איז אויך נסתלק געווארן זיין חלק תורה.

אין יענעם זעלבן ווינטער איז אויך נסתלק געווארן איינע פון רבינ'ס גרויסע תלמידים, רבי יצחק אייזיק פון טראוויצע. דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף אים: "ער איז געווען אן אמת'ער תלמיד חכם." דעם רבינ'ס חסידים האבן שטארק באדויערט די פטירה פון רבי יצחק אייזיק. דער רבי האט זיי געטרייסט: "אבער היינט האבן מיר א רבי נתן."

סדר אין לערנען

ווי שוין דערמאנט עטליכע מאל, האט דער רבי מדריך געווען רבי נתן צו אן אנגעפילטע סדר היום פון שיעורים. אזוי אויך האט דער רבי געוואלט אז רבי נתן זאל גוט דורכלערנען און זיין בקי אין די ארבע חלקי שלחן ערוך און קונה זיין פיל קבלה, איידער ער שרייבט אראפ זיינע אייגענע חדושי תורה. (וואס רבי נתן האט געבויט אויפ'ן רבינ'ס תורות צו אויסקלארן די הלכות אין שלחן ערוך.) קורץ נאך חנוכה, האט דער רבי אויסגעשטעלט א סדר פאר רבי נתן צו דורכלערנען יעדן טאג פינף בלעטער שלחן ערוך מיט מפרשים. אויף דעם גאנג וועט ער קענען מסיים זיין שלחן ערוך אין משך פון א יאר צייט.

רבי נתן איז טאקע ארייננעשווימען אין ים התלמיד און געלערנט מיט גרויס התמדה יומם ולילה. בערך א האלבע יאר האט ער מצליח געווען אנצוהאלטן דעם אנגעפילטן סדר, וואס אין די צייט האט ער אנגעיאגט א געוואלד! ער האט דורכגעלערנט גאנץ אורח חיים און רוב פון יורה דעה. אינצווישן זענען אונטערגעקומען מניעות וואס האבן געצווינגען רבי נתן נאכצולאזן זיינע סדרים.

רבי נתן האט געהאט גרויס צער דערפון. ביי א געלעגנהייט, האט ער זיך אויסגערעדט צום רבי'ן אז עס ארט אים זייער אז ער האט נישט באוויזן דורכצולערנען די אויסגעשטעלטע סדר פון שיעורים.

דער רבי האט אים בארואיגט: "נאר די וואס שטרעבן אנצוקומען אלץ מער און מער און ווילן אלעס ענדיגן בזריזות, פאר זיי שטערט ווען זיי דערגרייכן נישט אינגאנצן זייער ציל. אנדערע מענטשן קענען דוכגיין דריי - פירדער יאר און נישט אויסנוצן די צייט ריכטיג. און זיי קומען למעשה מיט גארנישט ארויס."

רבי נתן איז מסביר וואס דער רבי האט געמיינט צו זאגן. ווען א מענטש זעט אז עס איז אים אוממעגליך אנצוהאלטן די קבלות וואס ער האט גענומען אויף זיך, זאל ער נישט פרובירן צו שטופן דער וואגן מיט געוואלד, ווייל שטרויכלונגען שפראצן ארויס פון אלע זייטן. פון צווייטן זייט זאל מען אויך נישט אינגאנצן אויפגעבן פון עוסק זיין אין א דבר שבקדושה וואס מען האט זיך פארגענומען. מען זאל טון וויפיל מען קען און האפן אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן צו קענען אויספירן ביזן סוף.

די נקודה איז: מ'זאל נישט באצווינגען קיין רצונות און אויך נישט מייאש זיין, נארווארטן מיט געדולד ביז דער באשעפער וועט אים העלפן.

# פלאמען אויף קאלטן אייז

## קאפיטל 3




*אין קורצן פון פריער:*

*ר' מעכיל וואקסט אויף אין די שטאט טשעמראוויטש ביי זיין חשב'ער פאטער רבי יהושע דוד ז"ל, א איד אן עובד השם און דאס לייגט ער איין אין די קינדער. זיין מאמע, האשה החשובה, מרת פערל ע"ה ווערט נפטר יונגערהייט ל"ע איבערלאזנדיג א שטוב מיט קליינע יתומים. דער טאטע גיבט זיך געטריי אפ מיט די קינדער איבערהויפט מיט זייער רוחניות. דריי אזייגער פארטאגס פלעגט ער זיי אויפוועקן צו לערנען געשמאק און דערנאך איז מען געגאנגען אין אייז קאלטן מקוה.*

אצינד ליינט ווייטער:

## ביי די שחיטה

דער קליינער מעכיל איז שוין געוואקסן. ער איז שוין עלף יאר אלט, צום גוטן. ממש א גרויסער. אבער גרויסקייט מעסט זיך נישט אין עלטער אדער הויכקייט. מעכיל איז גרויס ווייל ער לערנט מיט'ן טאט'ן ווי א גרויסער שלחן ערוך - יורה דעה. דער טאטע לערנט מיט אים הלכות שחיטה און נעמט אים מיט צו די שחיטה, אז ער זאל מיטהאלטן פון דער נאנט אלעס ארום שחיטה.

"מעכיל, דו זעסט די בהמה, דאס איז כשר." דער טאטע האט אים אויסגעלערנט די סימנים וואו מען דארף נאכקוקן אויב א בהמה איז כשר אדער טריפה. "לייג צו די הענט און שפיר די סימנים," האט ער אים געלערנט די הלכות גרינטליך.

מעכיל האט זיך אויסגעלערנט אלע הלכות פון שחיטה. דעם טאטנ'ס ווייט-גרייכנדע אויגן, איז אים שפעטער גוט צונוץ געקומען, ווען ער איז געווען פארווארפן אין דעם גרויסן אייזיגן גלות-רוסלאנד. אין יעדן ארט, וואו ער איז געווען פארווארפן, האט ער זיך שטענדיג געקענט אן עצה געווען מיט פלייש. אז ער האט זיך געקענט פארשאפן א בהמה, אדער אן עוף, האט ער נאר געדארפט א כשר'ן חלף און זאלץ, און ער האט געהאט א שטיקל כשר-פלייש צו זעטיגן זיך און נאך אנדערע אידן.

## גולה למקום תורה

מעכיל גרייט זיך צו זיין בר מצוה מיט ערוואקסנקייט. דער טאטע האט אים געלאזט שרייבן א פאר מהודר'דיגע תפילין, וואס מעכיל האט אנגענומען מיט גרויס זהירות. אין זיינע שווערסטע טעג, ווען ר' מעכיל איז געווען פארווארפן אין סיביר, פלעגט ער יעדן טאג לייגן תפילין. אז מען האט געדארפט זיין פינף פארטאגס ביי די ארבעט, איז ער שוין אויפגעשטאנען פריער צו קענען דאווענען שחרית און לייגן תפילין.

א בחור נאך דער בר מצוה דארף שוין א געהעריגע ישיבה, אבער לײדער איז נישט געווען צו טרעפן אזאנס אין גאנצן געגנט. די קאמוניסטן האבן פארשפארט אלע חדרים און ישיבות און אפגעשיקט די טייערע אידישע קינדערלעך צו זייערע אפיקורס'ישע שולעס צו לערנען וואו

מען האט אויסגעריסן יעדע ביסל אידישקייט און אויסגעלערנט די קינדער ווי אזוי צו ווידערשפעניגן אין די עלטערן ה"י.

דער טאטע איז געוואויר געווארן בסוד סודות, אז אין קיעוו קאכט זיך א ישיבה וואס רופט זיך, "ישיבת תומכי תמימים חב"ד" און ער האט אים געשיקט אהין צו לערנען. מעכיל איז קוים דרייצן יאר אלט, און ווי אן ערוואקסן ישיבה בחור, פארלאזט ער זיין פאטער'ס ווארימע שטוב צו וואנדערן צו א מקום תורה.



ס'איז אים נישט גרינג געווען דארט – אויב מען וויל נוצן א גרינגע לשון... דאס לעבן אין ישיבה אין יענע צייט אין רוסלאנד איז געווען ביטער שווער. ס'איז נישט געווען נאר די הונגער, קעלט און ארעמקייט, וואס האט געפלאגט די ישיבה בחורים, דאס וואלט שוין געהייסן גאלד. די פחד פון די רשעים, האט געמאכט פארגעסן אלע אנדערע דאגות.

די ישיבה איז געווען גוט באהאלטן פון די קאמוניסטן וואס האבן געלאקערט נאך אידישע קינדער וואס האבן געוואלט לערנען תורה. אויב האבן זיי געכאפט א חדר אדער ישיבה, האבן זיי אוועקגעפירט אלע תלמידים אין שפיץ פון זייער



רבי. אך, וויפיל צרות און יסורים, האבן די בעלי מסירת נפש געהאט אויסצושטיין פון די פייניגונגען אין די רוסישע קעלערן און תפיסות ה"י.

יעדן טאג וואס מען איז געקומען אין ישיבה, האט מען געוואוסט אז עס קען זיין אז היינט וועט מען שוין שלאפן אין תפיסה, אדער גאר אין גן עדן... אבער פארט, האבן די מתמידים זיך נישט דערשראקן, נאר יעדן טאג זענען זיי געקומען צו לערנען די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה און פלייס.

די תלמידים האבן זיך אויסגעלערנט געוויסע סימנים און פאטענטן, ווי אזוי אויסצומיידן די רשעים און מוסרים וואס האבן זיי נאכגעלאקערט צו יעדע צייט. די באהאלטענע ישיבה איז געווען א מיליטערישע סוד וואס קיינער האט נישט געוואוסט דערפון, נאר די געציילטע וואס האבן דאס געשטיצט און די עטליכע פלייסיגע בחורים.

אין אזא אטמאספער איז ר' מעכיל געשטיגן אין תורה און יראת שמים. ר' מעכיל פלעגט דערציילן מיט נאסטאלאגיע פון זיינע מגידי שיעורים וועלכע זענען געווען ווארימע חסידיש'ע אידן וועלכע האבן אריינגעגאסן א ברען און פלאקער צו אלעס וואס איז הייליג און טייער וואס דאס האט זיי באשיצט פון די אייז ארום זיי.

# ווער פטור פון אים!

צוּ מַאכְן קֵיין שׁוּם בַּאשְׁלוּס, אִין קֵיין שׁוּם עִנְיָן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער אִיטְשֶׁע׳ס בַּאשְׁלוּסְן, מַמָּשׁ וִוי אִיטְשֶׁע וָואלְט גֶעוֶוען, חַס וְשָׁלוֹם, עֶפֶּעס אַן אָפְּגָאט.

בַּיי יֶעדֶע זַאךְ פְלֶעגְט יוּדְל קוּקְן אוּן פְרֶעגְן וָואס אִיטְשֶׁע הַאלְט, וַוייל אִיטְשֶׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען בַּיי אִים דֶער מֵבִין, דֶער קֶענֶער, דֶער אַלְצְוֵוייסֶער, דֶער קְלוּגֶער, דֶער חָשׁוּבֶ׳ער, דֶער בַּעַל הַשָּׂגָה, דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט אַ זַאךְ, אוּן דֶער קְלָארֶער, אוּן וָואס נִישְׁט! דֶערְפַאר הָאט יוּדְל בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט צוּ וַוארְטְן בִּיז נָאךְ אִיטְשֶׁע׳ס בַּר מִצְוָה, וָואס אִיז גֶעפַאלְן אַ חוֹדֶשׁ פַאר זַיין אֵייגֶענֶע. אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר וִויסְן צוּ קוֹיפְן פּוּנְקְט אַזַא רֶעקְל וִוי אִיטְשֶׁע הָאט, אַ תְּפִילִין-בַּייטְל פּוּנְקְט וִוי זַיינֶע, אוּן אֲפִילוּ דִי זֶעלְבֶּע דִיקֶע גַארְטְל.

המשך פון די לעצטע זייט

"אוֹי וֵויי," הָאט זַיין פָּאטֶער אִים גֶעזָאגְט בַּיי אַ שַׁארְפֶע שְׁמוּעֶס וֶוען עֶר הָאט דָאס אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין. "דוּ בִּיסְט דָאךְ מַמָּשׁ זַיין גֶעפַאנְגֶענֶער! דוּ הָאסְט אִים גֶעמַאכְט פַאר - זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אָפְּהִיטְן - אַ גַאנְצֶע עֲבוֹדָה זָרָה. עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי דוּ בִּיסְט אַ גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אוּן דוּ קֶענְסְט אַלֵיין גָארְנִישְׁט מַחְלִיט זַיין אָדֶער טְרַאכְטְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אִין קֵיין שׁוּם עִנְיָן. אִיךְ פַארְלַאנְג זָאלְסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן פוּן אִים אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן רוּאִיגֶע לֶעבְּן, פְרַיי פוּן אַלֶע קְשָׁרִים מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בַּאקַאנְטֶע." דִי גֶעלְט-גַייצִיגֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ זֵייעֶרֶע 'אָפְּגָאט', חֲבֵרִים בְּלוֹיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַן עֶנְלִיכֶע אָפְּשַׁאצוּנְג אוּן וֶוערְד פַאר אַזֶעלְכֶע סָארְט בַּאצִיאוּנְגֶען.




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

וִוידֶער [נָאךְ] הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי קֶערְן גָארְנִישְׁט [עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט], צוּ זִיצְן אִין דֶעם 'אֲוִיר' [לוּפְט] פוּן דֶער וֶועלְט! - אוּן זֵיי בַּאדַארְפְן גָארְנִישְׁט [עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט] צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט 'אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן'! - כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין! - וָוארְן דִי 'אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען גָאר 'טָמֵא' אַקֶעגְן זֵיי"!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ זוּכְן, 'זֵייעֶר־הוֹיכֶע בֶּערְג', וָואס זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער פוּן גָאר דֶער וֶועלְט [דִי 'הֶעכְסְטֶע בֶּערְג' פוּן דִי וֶועלְט]! - אוּן זֵיי וֶועלְן דָארְט זִיצְן! - כְּדֵי זֵיי זָאלְן זַיין הֶעכֶער [אוּן דֶערְהוֹיבְּן] פוּן [דִי 'לוּפְט' פוּן] דֶער וֶועלְט"!

הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט 'מֶענְטְשְׁן': "אַז זֵיי זָאלְן זוּכְן 'הוֹיכֶע בֶּערְג'"! הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען 'זֵייעֶר־הוֹיכֶע בֶּערְג'!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה' - אוּן הָאבְּן זִיךְ

דָארְט בַּאזֶעצְט, אוֹיף דִי 'הוֹיכֶע בֶּערְג'!

דְהַיְינוּ: אוֹיף 'דֶעם בַּארְג', הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אַ 'קִיבּוּץ' [פַארְזַאמְלוּנְג פוּן] מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'מְדִינָה' (כְּלוֹמַר: אַ 'שְׁטָאט')! – אוּן אַזוֹי [אוֹיף: אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן בַּארְג' וְכוּ'! [אוֹיף יֶעדְן 'בַּארְג' הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אַ אַנְדֶערֶע 'קְבוּצָה מֶענְטְשְׁן' פוּנֶעם 'אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מְדִינָה']! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַרוּם דֶעם 'בַּארְג', אַ 'גְרוֹיס חֶזְקַת' [פֶּעסְטוּנְג]! – אוּן [עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט] 'גְרוֹיסֶע גְרָאבְּנְס' [אוֹיפְגֶעגְרָאבֶּענֶע גְרִיבֶּער], אַרוּם דֶעם 'בַּארְג'! – בִּיז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, [אַז] צוּ זֵיי זָאל קוּמֶען אַ 'מֶענְטְשׁ'! – וָוארְן סֶע [סְ'אִיז] מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען, נָאר אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶער וֶועג' צוּ דֶעם 'בַּארְג' – [אוֹיף אַזַא אוֹפָן] וָואס קֵיין 'אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ', הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ זֵיי!

אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן בַּארְג' אוֹיךְ – אוּן אַזוֹי בַּיי 'אַלֶע בֶּערְג' – הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעמַאכְט 'חֶזְקַת' [פֶּעסְטוּנְגֶען] וְכוּ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט 'שׁוֹמְרִים', וַוייט פוּן דֶעם 'בַּארְג'! – כְּדֵי קֵיינֶער זָאל צוּ זֵיי נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען! אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן דָארְט אוֹיף דִי 'בֶּערְג' – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִּירְט מִיט דֶעם 'פִּירֶערְץ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ 'גָאטְן'! – דְהַיְינוּ: וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט', כַּנַ"ל.

לוּשְׁמִיר [נָאר ווִיבַּאלְד] וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט' – [אַזוֹי וַוייט] בִּיז דוּרְךְ 'אַסַאךְ גֶעלְט', אִיז מֶען גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אַ 'גָאט' – הָאבְּן זֵיי [דֶערִיבֶּער] מוֹרָא גֶעהַאט פַאר 'רְצִיחָה' אוּן 'גְזֵילָה'! – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער וֶועט זַיין אַ 'רוֹצֵחַ' אוּן אַ 'גַזְלָן', כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן אַ 'גָאט', דוּרְךְ דֶעם 'גֶעלְט' וָואס עֶר וֶועט גַזְלְ'ן!

נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "[אַז] וַוייל [ווִיבַּאלְד] דֶער וָואס עֶר הָאט 'גֶעלְט' אִיז אַ 'גָאט' – וֶועט עֶר זִיךְ [שׁוֹין אַלֵיינְס] הִיטְן פוּן 'גְזֵילוֹת אוּן 'רְצִיחוֹת'"!

אוּן זֵיי הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען: 'עֲבוֹדוֹת' אוּן 'קָרְבָּנוֹת'! אַז מְ'זָאל מַקְרִיב זַיין 'קָרְבָּנוֹת', אוּן מְ'זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, צוּ דִי 'גֶעטֶער'! – כְּדֵי דוּרְכְדֶעם זָאל מֶען קְרִיגְן 'גֶעלְט'!

אוּן זֵיי פְלֶעגְן מַקְרִיב זַיין 'מֶענְטְשְׁן' פַאר 'קָרְבָּנוֹת'!

אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב זַיין צוּ דִי 'גָאטְן'! – כְּדֵי עֶר זָאל אִין אִים נִכְלַל וֶוערְן – אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר מְגוּלְגָל וֶוערְן, וֶועט עֶר זַיין אַ 'עוֹשֶׁר'! וָוארְן דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה' – אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט'!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט: 'עֲבוֹדוֹת', אוּן 'קָרְבָּנוֹת', אוּן 'קְטוֹרֶת' – וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען דִי 'גָאטְן' (דְהַיְינוּ: [צוּ] דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'אַסַאךְ גֶעלְט')!

אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – אִיז דִי 'מְדִינָה' בְּוַודַאי פִיל גֶעוֶוען מִיט 'רְצִיחָה' אוּן 'גְזֵילָה'! – וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'עֲבוֹדוֹת', אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ 'רוֹצֵחַ' אוּן אַ 'גַזְלָן'! – כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן 'גֶעלְט'!

וָוארְן דֶער עִיקָר אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען דָאס 'גֶעלְט'! – וָוארְן דוּרְךְ 'גֶעלְט', קֶען מֶען זִיךְ קוֹיפְן אַלְדִינְג, 'עֶסְן' אוּן 'קְלֵיידֶער' – אוּן דֶער עִיקָר לֶעבְּן פוּן דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', אִיז דוּרְךְ דֶעם 'גֶעלְט' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס 'גֶעלְט', בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה' גֶעוֶוען!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ, זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע

[פאַרגרייזטע און פאַרבלאָנדזשעטע] ׳דיעה׳ געווען)! און זיי האָבן אַלץ געזעהן [זיך משתדל געווען]:

"אַז ס׳זאָל ביי זיי נישט געמינערט ווערן קיין ׳געלט׳! – וואָרן דאָס ׳געלט׳, איז ביי זיי גאָר די ׳אמונה׳, און דער ׳גאָט׳, געווען"!

אדרבא! מ׳מוז זעהן [זיך משתדל זיין]: "אַז מ׳זאָל פאַרמערן און אַריינברענגען אין דער ׳מדינה׳ אַריין, ׳געלט׳, פון ׳אַנדערע ערטער׳"!

[און עס] פלעגן פון זיי גיין ׳סוחרים׳, [וואָס זיי זאָלן האַנדלען אין ׳אַנדערע מדינות׳! – כדי זיי זאָלן געווינען [פאַרדינען] ׳געלט׳! – כדי מ׳זאָל ׳נאָכמער געלט׳ אַריינברענגען אין דער ׳מדינה׳ אַריין!

און ׳צדקה׳ – איז בוודאי אַ ׳גרויסער איסור׳ ביי זיי געווען [לויט זייער דיעה]! – וואָרן ווי [וויאַזוי] טאָר מען אַוועקגעבן דאָס [שפע פון זיין] ׳געלט׳ וואָס ׳גאָט׳ האָט אים געגעבן?! – וואָס דאָס איז ביי זיי דער עיקר געווען, אַז מ׳זאָל האָבן ׳געלט׳! – [איז] ווי [וויאַזוי] טאָר מען זע דאָס אַוועקגעבן [און פאַרמינערן זיין ׳געלט׳]?!

איבערדעם [צוליב דעם] איז בוודאי ביי זיי אַ ׳איסור׳ געווען, צו געבן ׳צדקה׳! און זיי האָבן [אויך] געהאַט ׳ממונים׳, דהיינו: ׳מענטשן׳ וואָס זיי זענען געזעצט [געשטעלט] געווען דערויף!

[אַז] זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף איטלעכן, אויב ער האָט [טאַקע] ׳אַזויפיל געלט׳ ווי ער זאָגט!

וואָרן איטלעכער האָט געמוזט אַרויסווייזן זיין ׳עשירות׳ אַלעמאָל! – כדי ער זאָל בלייבן, ביי ׳דער ׳מעלה׳ און ביי ׳דעם׳ ׳כבוד׳ וואָס ער האָט געהאַט, וועדליג [לויט] זיין ׳געלט׳!

(כלומר: די אַלע ׳עשירים׳ וואָס זיי זענען ביי זיי געווען ׳גאָטן׳ און ׳שטערן׳ וכו׳, און ׳מלאכים׳ וכו׳, מחמת זייער ׳געלט׳ – פלעגט מען אַלעמאָל זיי איבער־צו־זעהן [איבערקוקן], אויב ער האָט [טאַקע] ׳אַזויפיל געלט׳ – אויב ער איז נישט אומזיסט אַ ׳גאָט׳ וכו׳! – און ׳מענטשן׳ זענען דערויף געזעצט [געשטעלט] געווען, אַז זיי זאָלן אַלעמאָל דאָס אויפזעהן [אויפפאַסן]!

און אַמאָל פלעגט ביי זיי צו ווערן: פון אַ ׳חיה׳, אַ ׳מענטש׳! – און פון אַ ׳מענטש׳, אַ ׳חיה׳! דהיינו: אַז אַ ׳עושר׳ האָט אָנגעוואָרן [דערליגט] דאָס ׳געלט׳ – איז ער שוין ׳אויס מענטש׳ געוואָרן – איז [אַזוי] געוואָרן פון אַ ׳מענטש׳, אַ ׳חיה׳! – וואָרן ער האָט זיך שוין קיין ׳געלט׳ נישט!

און אַזוי [אויך] פאַרקערט: אַז איינער האָט געווינען [פאַרדינט] ׳געלט׳ – אַזוי איז געוואָרן פון אַ ׳חיה׳, אַ ׳מענטש׳!

און אַזוי איז [אויך] געווען ביי די ׳איבעריגע מעלות׳, וואָס ביי זיי איז אַלץ וועדליג [לויט] דעם ׳געלט׳ געווען (איז אויך אַזוי געווען: [אַז] מיטאַמאָל איז איינער ׳אויס גאָט׳ געוואָרן – וואָרן ער האָט שוין דאָס ׳געלט׳ אָנגעוואָרן [דערלייגט])!

און זיי פלעגן האָבן די ׳צורות׳ און די ׳פאַטרעטן׳ [בילדער] פון די ׳גאָטן׳ (דהיינו: [פון] די וואָס האָבן ׳פיל געלט׳ געהאַט)!

און ביי איטלעכן איז געווען [אַלע האָבן געהאַט] די ׳פאַטרעטן׳! – און זיי פלעגן זיי צו ׳האַלזן׳, און צו ׳קושן׳! – וואָרן דאָס ׳געלט׳ איז ביי זיי געווען, גאָר זייער ׳עבודה׳ און זייער ׳אמונה׳!

[בשעת ווען רבינו ז״ל האָט דערציילט די דאָזיגע מעשה פון ׳בעל־תפילה׳, פון די מאָדנע אינטערסאַנטע פירונגען פון די ׳מדינה׳ פון עשירות׳, אַז אַלעס האָט זיך געפירט לויט זייער עשירות וכו׳ – האָבן אונזערע לייט אַ שמייכל געטאָן פון זייער מאָדנעם פירונג. האָט זיך דאָן רבינו ז״ל אָנגערופן: "איר לאַכט?! איר לאַכט?! איך זאָל אייך זאָגן איין סברא פון זייערע סברות – וואָלט איר פאַרקאַטשעט די פאָלעס (די זוים פונעם בגד), און אויך נאָכגעלאָפן זיי"! השם ישמרנו. (שיח־שרפי־קודש החדש ח״ג תתת)

נאָמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (3)

**א. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו די הויכע בערג?**
- ☐ כדי זיי זאלן נישט זיין מיט מענטשן פון דער וועלט
- ☐ כדי זיי זאלן האבן געשמאקע לופט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואספארא סארט וועג איז געווען אפן צו די מדינה אויף די בערג?**
- ☐ א ברייטע וועג אלע זאלן קענען אריין גיין
- ☐ א שמאלע וועג אינמיטן שטאט אז א חלק זאלן קענען אריין גיין
- ☐ איין באהאלטענער וועג אז קיין אנדערער מענטש זאל נישט קענען קומען צו זיי

**ג. וואס האבן זיי געטון צו זייערע גאטן?**
- ☐ געדאווענט צו זיי ר"ל
- ☐ זיך מקריב געווען צו זיי ר"ל
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. איז געווען רציחות און גזילות אין די מדינה של עשירות?**
- ☐ ניין
- ☐ אביסל
- ☐ פול מיט רציחות און גזילות

**ה. האט מען געמעגט געבן צדקה אין די מדינה?**
- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע מצוה
- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע איסור
- ☐ מען האט געמעגט אבער ס'איז ביי זיי נישט געווען א מצוה

**ו. ווען איז געווארן פון א מענטש א חי' אין די מדינה?**
- ☐ ווען איינער האט פארלוירן (אנגעווארין) זיין געלד
- ☐ ווען איינער האט פארלוירן געלד פון זיין חבר
- ☐ ווען איינער האט געביסן זיין חבר

**ז. ווען איז געווארן פון א חי' א מענטש אין די מדינה?**
- ☐ ווען איינער האט געגעבן זיין גאנצע געלד פאר צדקה
- ☐ ווען איינער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק
- ☐ ווען איינער האט פארדינט (געוואונען) מער געלד

**ח. וואס האבן זיי געטון מיט די פאטרעטין פון זייערע גאטן?**
- ☐ זיי פלעגן עסווארפן אויף דער ערד
- ☐ זיי פלעגן עס האלזן און קושן
- ☐ זיי פלעגן טאנצן מיט דעם

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווייմאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה פון דער וואך דאסווארט "געלט" ?

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (2)

וויפיל דרגות איז דער רבי מפרש - אז די מדינה של עשירות האבן געהאט, ר"ל ?

**זיבן דַרְגוֹת** - א לייב, א חיה אדער א עוף, א גלאטער מענטש, כוכבים, מזלות, מלאכים, גאטן.

די געווינער אויף 'בעל תפלה' 1-2 זענען

הילד היקר שמואל מאיר וואלעס, בית שמש

הילד היקר נחמן קעניג כתה ג' טעלעפאן *** 8907

ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט

646-585-3040    02-5-3333-72



# ווער פטור פון אים!

דִי גֶעלְט-גַייצִיגֶע עֲשִׁירִים הָאבְּן זִיךְ אַלְץ מֶער פַארְטִיפְט אִין זֵייעֶר גֶעיֶעג נָאךְ דִי מִיאוּסֶ'ע תַּאֲווֹת הַמָּמוֹן. מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכֶע מִיטְלֶען הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט צוּ פַארְגֶרעסֶערְן אוּן אוֹיפְבְּלָאזְן זֵייעֶרע פַארְמֶעגְנְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אוֹיךְ דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי וָואס הָאבְּן בַּאוִויזְן צוּ זַאמְלֶען דָאס מֶערְסְטֶע פוּן דֶעם פְּרָאסְטְן חֵפֶץ. צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם בַּאשְׁלוּס אַז עֶס זֶענֶען דָא צְוִוישְׁן זֵיי "שְׁטֶערְנְס" אוּן "מַזָּלוֹת", אוּן זֵיי זֶענֶען אֲפִילוּ גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאטִיטְלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אַלְס "מַלְאָכִים". דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעפַאלְן צוּם טִיפְסְטְן אָפְּגְרוּנְט, אָן קֵיין שׁוּם בּוּשָׁה אָדֶער שְׁפָּאט, בִּיז זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ מַאכְן "גֶעטֶער" צְוִוישְׁן זִיךְ!

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ אוֹיסְצוּמָאלְן וִוי אַ מֶענְטְשׁ וואוּנְטְשְׁט זַיין חַבֵר: "זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ 'שְׁטֶערְן'..." אָדֶער: "הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ מַלְאָךְ..." מִיטְ'ן אֵיינְצִיגְן כַּוָונָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב פוּן הָאבְּן אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל עֲשִׁירוּת וִוי זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט, אוּן אַזוֹי אַרוּם זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ שְׁטֶערְן אָדֶער אַ מַלְאָךְ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער... עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה, אוּן פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶס פַּאסְט שׁוֹין נִישְׁט פַאר זֵיי צוּ וואוֹינֶען אִין דִי לוּפְט פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל יֶעדֶער אַנְדֶערֶער אִיז דָאךְ אוּמְרֵיין. דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט דִי הֶעכְסְטֶע בֶּערְג, כְּדֵי זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן הֶעכֶער דִי לוּפְט פוּן דִי וֶועלְט.

אוּן יֶעצְט, לָאמִיר הֶערְן אִיבֶּער יוּדְלְ'ס הִתְלַהֲבוּת פַאר דִי גְרוֹיסֶע בַּר מִצְוָה, אוּן דִי וֵוייטָאגְלִיכֶע אַנְטְפְּלֶעקוּנְג וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פּוּנְקְט פַארְדֶעם... צְוֵויי חֳדָשִׁים פַאר דִי גְרוֹיסֶע נַאכְט, הָאט דֶער טַאטֶע מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר זַיין זוּן יוּדְל אַז עֶר וִויל גֵיין מִיט אִים אַיינְקוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶע מִיטְוָואךְ אָוְונְט. "מִיר דַארְפְן קוֹיפְן אַ קַאפֶּעלוּטְשׁ, אַ רֶעקְל, אַ שַׁבָּתְ'דִיגֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אַ גַארְטְל, שִׁיךְ, אוּן אוֹיךְ דָאס תְּפִילִין-בַּייטְל פוּן גְלַאטֶע הָאר וָואס דַיין נָאמֶען 'יוּדְל' אִיז דֶערוֹיף אוֹיסְגֶענֵייט. בִּיסְטוּ אִיבֶּערְרַאשְׁט?"...

יוּדְל הָאט גֶעבֶּעטְן אָפְּצוּשְׁטִיפְן דָאס אַיינְקוֹיפְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מָאל. זַיין פַארְנוּמֶענֶע טַאטֶע הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּקָּשָׁה, אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס לִיגְט בֶּאֱמֶת אוּנְטֶער דֶעם. אַזוֹי אַרוּם הָאט יוּדְל נָאכְמַאל אוּן נָאכְמָאל אָפְּגֶעשְׁטוּפְט דֶעם וֵוייטָאגְלִיכְן סוֹד. יוּדְל וַוארְט נָאךְ מִיטְן אַיינְקוֹיפְן, אָבֶּער וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דֶער טַעַם דֶערְפוּן?

אִין זַיין כִּתָּה לֶערְנְט אַ בָּחוּר אִיטְשֶׁע. אִיטְשֶׁע רֶעדְט אַלֶעס מִיט אַ שְׁטַארְקֶע זִיכֶערְקַייט אוּן מִיט אַ פֶּעסְטֶע שְׁטִימֶע, אוּן מִיט דֶער צַייט אִיז יוּדְל גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אָפְּהֶענְגִיג אִין אִים. דִי דָאזִיגֶע אָפְּהֶענְגִיגְקַייט הָאט גֶעמֵיינְט אַז יוּדְל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט אַלֵיין

המשך אויף זייט 8

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה יצחק יארבלום הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב